מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה' פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

פרשיות **ויחי - שמות** תשפ"ב ◆ עלון מס': **79**


## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

## אשרי מי שבניו זכרים!

אז א מענטש איז זיך מתבונן אין די וואונדערליכע וועלט וואס השי"ת האט באשאפן וועט ער באמערקן א וואונדערליכער זאך - יעדער איינער אין די וועלט האט זיך אן איינגאַרטיגער געשמאק אין די פאך אין וואס ער איז עוסק.

שטעלט זיך פאָר א וועלט וואו יעדער טוט די זעלבע זאך. יעדער איינער איז א פארקויפער אין א געשעפט. ווער וועט ארבעטן אין די פאבריקן און פראדוצירן די סחורה וואס מען פארקויפט שפעטער אין די געשעפטן? אויב אלע וועלן זיין באס דרייווער ווער וועט בויען די שולן? אויב אלע זענען שרייבער ווער וועט דרוקן די ספרים? אבער אין א קאלירפולער וועלט וואו יעדער איינער אין איר האט זיך זיין פערזענליכער געשמאק, יעדער האט זיך זיין איינגאַרטיגער כשרון צו קענען ערצייגן עפעס, פארדינט יעדער איינער, יעדער איינער האט פון אלעס גוטס, ווייל יעדער איינער אין די וועלט ערפולט זיין פערזענליכער תפקיד.

נאר דער מענטש טאר זיך נישט טועה זיין. דער באשעפער האט געגעבן פאר יעדן איינעם זיינע קוואליפיקאציעס, אבער נישט די כשרונות ברענגט די פרנסה פאר'ן מענטש, דער וועג איז נאר דער מיטלוועג, פרנסה קומט פון הימל.

א איד וואס לעבט מיט א ריכטיגן בליק פארשטייט אויך אויף למפרע אז די כשרונות וואס ער האט באקומען פון הימל איז נישט קיין צופאל. מען האט עס עקסטער אזוי אויסגעשטעלט ווייל דאס איז זיין תפקיד אויף די וועלט, פאר דעם איז ער דא! אויך ווען עס גייט נישט אזוי ווי ער וויל, און ווי דער רבי שרייבט [אין חובת הלבבות שער הבטחון פרק חמישי אין דעם דריטן הבדל] **גם אם לא יועילוהו הסיבות ידע כי יבואהו טרפו כשירצה השם מאיזה ענין שירצה ולא ימאס בהן בעבור זה ולא יניח בהם להתעסק לעבודת הבורא.**

דאגעגן ווער עס איז נישט אויסגעארבעט אין בטחון איז עוסק אין זיין פרנסה נאר ווען עס גייט אים, אבער ווען די ארבעט אדער ביזנעס גייט נישט און עס ברענגט נישט אריין די רווחים וואס ער האט געוואלט באקומען פון איר - לאזט ער עס אפ און זוכט זיך אויס אן אנדערע סארט פרנסה אדער ארבעט.

דער רבי רעדט נישט פון א פרנסה וואס איז אונטערגעגאנגען צוליב די אומשטענדן פון די היינטיגע גאס, ער רעדט אבער יא פון אן ארבעט וואס איז נאך דא און עס פלעגט אריינברענגען שיינע רווחים, נאר מאמענטאל איז עס שוואך, ער זעט נישט אין איר א ברכה. אין אזא פאל דארף א בעל בטחון וויסן אז די ארבעט וואס ער טוט איז א תפקיד און א תפקיד איז אויף א גאנץ לעבן.

חז"ל זאגן אונז אין מסכת קידושין [פב] **תניא רבי אומר אי אפשר לעולם בלא בַּסָם ובלא בורסקי אשרי מי שאומנותו בסם ואוי לו מי שאומנותו בבורסקי** - אין די וועלט איז דא צוויי סארט אומנות, עס איז דא איינער וואס מאכט בשמים, א צווייטער ארבעט אויס די הויט, ביידע זענען וויכטיג פאר די וועלט, אן ביידע קען די וועלט נישט עקזיסטירן, אבער וואויל איז פאר דער וואס האנדלט מיט בשמים און ביטער איז פאר דער וואס האנדלט מיט הויט.

פון דער בשמים האנדלער גייט ארויס א גוטער ריח. יעדער גלייכט צו שטיין נעבן אים, ער קומט אריין אין א שול און מען רוקט זיך צו נענטער צו אים, אבער דער וואס האנדלט מיט הויט און טינקט איין א גאנצן טאג די הויט אין שארפע מאטריאלן וואס געבט ארויס א שמעק, פון אים גייט ארויס א ריח פון די הויט און קיין איינער וויל נישט שטיין אין זיין געגענווארט.

אזא איינער וויפיל ער וואשט זיך ארום און טוישט זיך די קליידער בלייבט נאך אייביג איבער אויף אים א ריח און דער ריח גייט קיינמאל נישט אוועק אבער אן אים קען דער וועלט נישט עקזיסטירן - ווער וועט אויסארבעטן די בתים פאר תפילין אז נישט ער? ווער וועט מאכן די רצועות? מען מוז אים האבן אבער וואויל איז דער וואס ציילט זיך אויף די בשמים פאבריצירער.

די גמרא האט דארט א המשך - **אי אפשר לעולם בלא זכרים ובלא נקבות אשרי מי שבניו זכרים ואוי לו למי שבניו נקבות** - דער מאירי אויפ'ן ארט איז מדייק אז **בניו נקבות** מיינט נישט אז ער האט טעכטער, עס מיינט אז זיי פירן זיך אויף ווי נקבות, ווייל דאס איז טאקע א צרה צרורה, ווייל זיי זענען אראפגעקומען אויף די וועלט צו זיין זכרים אבער זיי זענען אומצופרידן מיט דעם - זיי זוכן צו זיין וואס זיי זענען נישט!

מען דארף געדענקען אז יעדער האט זיך זיין תפקיד! און ווען מען איז ממלא די סארט תפקיד צו וואס דו ביסט אראפגעקומען אויף די וועלט ביסטו זוכה צו ממלא זיין די חובה פארוואס דו ביסט אראפגעקומען אהער אויף די וועלט.

יהי רצון אז מען זאל זוכה זיין צו מקדש שם שמים זיין אויף די וועלט.

[ארויסגענומען פון שיעור 292 אין שער הבטחון]

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### ווער האט אריינגעלאזט אהער דער משוגענער?

דער רב קוקט אן דעם גוי מיט פארוואונדערטע אויגן.

"איך קען אייך מיט עפעס העלפן"?

דער גוי שאקלט מיט'ן קאפ:

"איך וויל האלטן שבת"!

"אבער נאר א איד קען האלטן שבת! א גוי וואס האלט שבת איז חייב מיתה".

"איך ווייס פון דעם, און וועגן דעם בין איך דא! איך וויל פארשטיין פארוואס איז עס אזוי? פארוואס קען מיין אידישער שכן האלטן שבת און איך טאר נישט האלטן שבת"?

דער רב פארטראכט זיך פאר א רגע, ער זוכט אויס די פאסיגע ווערטער וויאזוי ער קען ערקלערן פאר'ן גוי דער חילוק.

"שבת האט השי"ת געגעבן פאר זיין פאלק, עס איז א פערזענליכע מתנה פון השי"ת צום כלל ישראל".

"דער רב ווייסט אז מיין שכן איז בכלל נישט קיין שומר תורה ומצוות".

"עס טוט מיר זייער לייד! אבער לענינו מאכט עס נישט אויס! דו קענסט נישט האלטן שבת און ער קען יא"!

דער גוי פארשטייט נאך אלץ נישט, און דער רב זעענדיג אז ער וועט זיך נישט באגעניגן מיט פשוט'ע הסברים געבט ער אים א ברייטערע הסבר:

"שטעל זיך פאר אז עס איז דא א גרויסע קעניג! ער קעניגט אויף א האלבער וועלט! אונטער אים איז דא צענדליגע מדינות, לענדער, שטעט, א רייע פון מיניסטארן און יעדער פון די מיניסטארן און זיינע געהילפן ווארטן צו רעדן מיט דער קעניג, אבער דער קעניג האט נאר אזויפיל צייט, מען מוז איינשטעלן א שטיקל סדר. עס קומט אויס אז נאר איינמאל אין א האלבער יאר קען מען זיך טרעפן מיט דער קעניג, ווער עס גייט אריין אן רשות באצאלט מיט'ן לעבן".

און אויך ווען עס קומט אן דער באשטימטער צייט פון דער באגעגעניש קען נישט יעדער אריינגיין אין פאלאץ, נאר די געקליבענע וויכטיגע לייט.

ענדליך, קומט מען שוין אן אינעווייניג און וואס זעט מען? אין די קארידארן אריינצוגיין צום קעניג דרייט זיך ארום א צורודערטער פארשוין און האלט יעדן אונטער.

וואס גייט דא פאר? די מיניסטארן קענען נישט פארשטיין.

אינדרויסן ווארטן געערטע און שטודירטע מענטשן, און דא דרייט זיך ארום א צורודערטער פארשוין. ווער האט אים אריינגעלאזט?

די מיניסטארן פרעגן דער וועכטער וואס איז פשט פון דעם. דער וועכטער קוקט זיי אן מיט פארוואונדעטע אויגן.

איר ווייסט נישט ווער ער איז? ער איז דער קעניג'ס זון!

דאס איז דער סוד! א איד איז א קינד פון השי"ת און וועגן דעם איז ער אינעווייניג! עס איז דא אסאך אידן וואס שטרענגען זיך אן צו דינען השי"ת מיט אלע כוחות און קעגן דעם איז דא אזוינע וואס שטרענגען זיך ווייניגער אן, אבער יעדער איינער - אפילו דער שוואכסטער איד און אפילו דער צורודערטער איז אינעווייניג - ווייל יעדער איינער איז א קינד פון דעם רבוש"ע.

א קינד האט אייביג אן אפענער טיר!

עס דרייט זיך ארום א איד אויף די וועלט און לייענט די גליונות פון השגחה פרטית, הערט אויס די מעשיות אויפ'ן האטליניע און טראכט צו זיך אז אלעס וואס זיי זאגן איז נישט באמת אזוי. זיי זאגן אז השי"ת הערט אויס מיין תפילה אבער כ'ווייס דער אמת - דער באשעפער איז נישט אינטערעסירט אין מיין תפלה! אבער ער לעבט אין א טעות, לאמיר מאכן א רגע א שטיקל חשבון וועלן מיר זעען אז ער איז נישט גערעכט.

ווי גרויס זענען די שאנסען אז איינער זאל געווינען די לאטערי? די סטאטיסטיקס זאגן אז איינער פון 24 מענטשן געווינען א מינימאלישע סומע פון א לאטערי אבער מיט דעם אלעם אז דער סטאטיסטיק איז אזוי קליין איז דא טויזנטער מענטשן אין די וועלט וואס האבן נאכך קיינמאל נישט געווינען א לאטערי.

יעצט לאמיר זען וואס איז די סטאטיסטיק פאר א קינד וואס איז יעצט געבוירן געווארן.

אין די וועלט איז היינט דא 8 ביליאן מענטשן. פון זיי זענען בלויז 15 מיליאן אידן. אז מען קוקט אויף דער נומער פראצענטווייז איז עס א סך הכל פון ווייניגער ווי א פינעפטל פון 1% פון די וועלטס פאפולאציע.

קומט אויס אז אויב איר זענט די גליקליכע און איר האט יא זוכה געווען געבוירן צו ווערן א איד וויאזוי קען זיין אז ער זאל פארגעסן פון דיר? דו ביסט דאך א קעניגליכער קינד! דו ביסט מער אינטערעסאנט ווי טויזנטער מענטשן אויף די וועלט און ווען דו רעדסט אים הערט ער דיר אויס.

נו ווי אזוי קענסט בכלל טראכטן אז ער איז נישט אינטערעסירט אין דיר?

א גוט שבת, **פינחס שפר**


השגחה פרטית האטליין
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:

פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28

פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633

• פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## עין בעין יראו

מיין נאמען איז נדב מוסרי. איך וואוין אין די שטאט מודיעין עילית און כ'וויל ענק היינט מיטטיילן מיט די מעשה פון מיין חבר הרב חיים גיא גד בן מזל וואס נויטיגט זיך אין די טעג אין א גרויסע רפואה, און השי"ת זאל אים שיקן א רפואה במהרה און די התעוררות וואס אידן וועלן האבן דורך די מעשה זאל זיין לרפואתו.

די מעשה וואס כ'דערצייל דא האט פאסירט אין חודש אלול תשע"ט, בשעתו האבן מיר עס נישט געוואלט מפרסם זיין אבער יעצט אז ער איז אנגעוויזן אויף אזויפיל רחמים האפן מיר אז די מעשה וועט מעורר רחמים זיין אויף אים און ווער עס קען זאגן א קאפיטל אדער טון א דבר טוב לזכותו תבוא עליו ברכה.

די מעשה מיט גיא גד גייט צוריק צו עטליכע יאר פריער ווען ער האט זוכה געווען נתקרב צו ווערן צו השי"ת. איך האב זיך באגעגענט מיט אים דרייצן יאר צוריק אין די ישיבה פון נזר ישראל וואס געבט זיך אפ מקרב צו זיין אידן צו דעם דרך האמת.

גיא איז אויפגעוואקסן ווי א פרייער איד אבער ווען ער איז נתקרב געווארן צו עבודת השם האט ער אפגעלאזט אלע זיינע פריערדיגע באשעפטיגונגען און זיך געזעצט לערנען א גאנצן טאג פון צופרי ביז ביינאכט. זיין טאג האט זיך אנגעהויבן מיט א כולל חצות אין די נאכט שעות און עס האט ממשיך געווען מיט נאך צוויי כוללים במשכ'ן טאג.

אויך איך האב זוכה געווען צו לערנען מיט אים בחברותא. עס איז געווען ערגעצוואו אינמיטן ניסן תשע"ט ווען ער קלינגט מיר אריין און דערציילט מיר די שווערע בשורה אז ער האט פלוצלונג פארלוירן זיין ראיה.

"ווי אזוי קען עס זיין?"

"איך ווייס אויך נישט. איך זעה שווארץ אין מיינע אויגן. עס איז ווי מיינע אויגן האבן זיך אויסגעלאשן".

"אבער ווי אזוי קען עס זיין? איך האב נאך היינט געלערנט מיט דיר".

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער האט געליטן אויף צוקער און די צוקער איז אים אנגעקומען אין די אויגן. די בשורה האט זייער וויי געטון. עס האט וויי געטון ווייל עס האט געמיינט אז אזא איינער ווי גד וועט מער נישט קענען לערנען און וועט אויך זיין אנגעוויזן אויף הילף פון אנדערע.

מען האט זיך געוואנדן צו דאקטוירים. די דאקטוירים האבן אים געזאגט אז מען קען אים אפערירן אבער עס איז נישט זיכער אז די אפעראציע וועט מצליח זיין. נישט וועלנדיג איינשטעלן האבן זיי געמאכט אן אפעראציע אויף איין אויג אבער עס האט נישט מצליח געווען און זעענדיג אז עס גייט נישט אין די וועלט פון רפואה האט ער מער נישט געמאכט קיין השתדלות נאר אנגעהויבן מתפלל זיין צו השי"ת ער זאל אים העלפן צוריקבאקומען זיין ראיה.

מען האט געדאווענט איבעראל און אויך ביי קברי צדיקים און יענעם חודש אלול זענען מיר ארומגעפארן צו קברי צדיקים און שטארק מתפלל געווען צו השי"ת ער זאל אונז העלפן.

זייענדיג דארט אין צפון טייל ארץ ישראל האבן מיר דארט גענעכטיגט

## אמונה טייכן גראד אראפ פון מיין בוילער

די טעג רוקן זיך און אט שטייט מען שוין אויפ'ן שוועל פון דער נייער יאר!

ראש השנה איז שוין דא! אין צוויי טעג ארום גייט מען שטיין כבקרת רועה עדרו פאר'ן בורא כל העולמים און ער וועט קובע זיין פאר יעדן ווי אזוי עס וועט אריבערגיין אויף אים דער קומענדיגער יאר.

אזא צייט איז א פאסיגער צייט צו מאכן א שטיקל חשבון ווי אזוי עס איז אריבער אויף מיר דער פארלאפענער יאר! איך מאך זיך א שטיקל חשבון און איך טרעף זיך אז דער מצב איז נישט אזוי גינסטיג. די פרנסה איז ענג, מען קלעקט קוים, מען שטופט עס אדורך, איך האף זייער שטארק אז אין דער קומענדיגער יאר וועל איך זיין א בעסערע בר מזל, די מזל וועט מיר בעסער שפילן.

אזוי טראכטנדיג באמערק איך ביי מיר אין גארטן א טייכל וואסער. רבוש"ע! פון וואו קומט דא אן וואסער? עס קען נישט זיין קיין אנדערע הסבר ווי אז ערגעצוואו איז דא א ליעק, איינער פון די הויז רערן זענען לעכעריג. איך הייב זיך אן אומצוקוקן פון וואו עס קומט, עס געדויערט נישט לאנג און כ'טרעף פון וואו עס קומט, עס איז פון דער בוילער אין שטוב.

מיר זענען א גרויסע משפחה און א גרויסע משפחה נוצט אסאך ווארעמע וואסער, בפרט יום טוב צייט. אין אזא צייט קען מען נישט לאזן אזא זאך לויפן. עס מוז ווערן באהאנדלט ווי א מינוט פריער. אויפ'ן ארט קלינג איך אריין צו א באקאנטער בעל מלאכה און כ'פרעג אים וואס קען עס מיינען. דער בעל מלאכה, נאכ'ן אויסהערן מיין שילדערונג, זאגט מיר זיין פערזענליכער שאצונג, אז די עלעקטערישע טייל פון דער בוילער איז געגאנגען שלאפן און מען מוז עס טוישן.

"און וואס דארף צו קאסטן אזא לוקסוס"?

"דער חלק אליין קאסט 450 שקל און נאכדעם איז דא דער קאסטן פון א בעל מלאכה".

"און אז כ'לייג עס אליין אריין וועט עס זיין ביליגער?".

"זיכער וועסטו זיך שפארן די ארבעט אבער איך וואלט דיר נישט געראטן אז דו זאלסט זיך אונטערנעמען אזא זאך. אז מען ווייסט נישט וויאזוי מען מאכט עס קען מען זיך נאך פארפלאנטערן און עס איז מסוכן".

פרעגנדיג אזוי ווען איך זאל נעמען, געט ער מיר א נומער פון א גוטער בעל מלאכה מיטוועמען ער האט אסאך עקספירענעס, דערביי באטאנט ער אז יענער איז אויך א ביליגער.

איך קלינג אריין פאר יענעם און יענער זאגט מיר אז ער קומט שוין אראפ צו מיר אין שטוב.

א קורצער צייט שפעטער איז ער דארט געווען און נאכ'ן באטראכטן די בוילער זאגט ער מיט א זיכערקייט אז נישט בלויז דער עלעקטערישער טייל ארבעט נישט, די גאנצע בוילער איז קאליע געווארן און מען מוז עס טוישן.

און וואס קאסט אזא זאך?

3000 שקל!

עס איז מיר געווארן פינסטער אויפ'ן הארצן. פריער האב איך געמיינט אז עס גייט מיר קאסטן 450 שקל! אויך דאס האב איך נישט, אבער דא איז עס מיטאמאל ארויפגעשפרינגען צו 3000 שקל! פון וואו נעם איך אזא סומע? אין די ערשטע רגע בין איך געווארן זייער פארלוירן, אבער א רגע שפעטער האב איך זיך געשטארקט. איך האב געמאכט א חשבון ביי מיר אז השי"ת קען מיין אדרעס, ער ווייסט אויך אז היינט קען א משפחה נישט לעבן אן קיין הייסע וואסער אין שטוב און ער וועט מיר זיכער באזארגן מיט די געלט.

"נו ווען קענסטו קומען?".

"מארגן". האט דער עקספערט געענטפערט.

מארגן? מארגן איז ערב יום טוב און יאר יערליך פאר איך אויף יום טוב צו מיין רבי'ן און כ'וויל זיך נישט לאנג אויפהאלטן דא אין די שטאט.

"אבער זיי דא אינדערפרי".

דער עקספערט האט מיר געגעבן זיין ווארט און נאכ'ן פארשליסן דער צענטראלער רער האט ער פארלאזט מיין הויז מיט א ווינטש אז מען וועט זיך ווידערזען מארגן אינדערפרי.

דער מומחה האט נאר פארמאכט די טיר און מיין טעלעפאן קלינגט. עס איז מיינער א ידיד. עס איז שוין יארן לאנג וואס כ'פאר צו מיין רבי'ן אין א צווייטער שטאט און זוכנדיג צו שפארן די געלט פון דינגען א דירה האבן מיר א קביעות אז מיר טוישן זיך א דירה מיט א איד אבער דער איד האט מיר יעצט אנגעקלינגען צו דערציילן אז זיין פרוי האט די קאראאנע ווירוס און זי קען נישט פארן און ער וועט מיר נישט קענען געבן זיין דירה.

נישט גענוג אז איך דארף ארויסנעמען פון טאש 3000 שקל דארף איך נאך יעצט זוכן געלט פאר א דירה. עס איז מיר געווארן אומעטיג אויפ'ן הארצן אבער א רגע דערויף האב איך געטוישט מיין בליק, איך האב באשלאסן אז דאס איז נישט קיין פשוט'ער זאך, זיכער רעדט השי"ת צו מיר און ווי באקאנט איז דער וועג ווי אזוי השי"ת רעדט היינט צו א איד דורך די מעשים און אז ער רעדט צו מיר דארף מען אויסהערן און אריינטראכטן וואס ער זאגט.

תיכף ומיד האב איך צוזאמענגענומען מיינע קינדער און גערעדט צו זיי זאגנדיג אז נאך אזא מעשה דארף מען טראכטן וואס מען קען טון און אויפ'ן ארט איז באשלאסן געווארן אז מען גייט אנהייבן צו לויבן השי"ת אויף אלעס, מען האט אנגעהויבן זאגן מזמור לתודה צוזאמען,

## א בשורה טובה פאר די טייערע קינדער!

**פון היינט קענט איר אויך ווערן א טייל פון די 'השגחה פרטית' ליניע און דערציילן אייערע פערזענליכע געשיכטע אין דער האטליניע און אויך הערן אייערע פערזענליכע געשיכטעס!**

מען האט געזינגען און געטאנצן און געדאנקט השי"ת אויף אלעס אין דער וועלט, מען האט זיך געפריידט אז מען האט א גוטער טאטע אין הימל און ער וועט זיכער העלפן אז אלעס זאל זיין אויפ'ן בעסטער וועג ווי עס דארף צו זיין און מיט די זיכערע געפיל האט מען זיך געלייגט שלאפן ביינאכט.

צומארגענס, בין איך אויפגעשטאנען אינדערפרי און נאכ'ן זאגן סליחות בין איך אהיימגעקומען אין שטוב און געווארט אז דער עקספערט זאל קומען צו גיין. עס איז אריבער א שעה און נאך א שעה און ער קומט נישט אן. עס ווערט שפעט. מען דארף זיך וואשן פאר יום טוב און איך באשלוס אז קעגן מיין שכל גיי איך אנצינדן די בוילער.

איך צינד עס אן און פלוצלונג גייט ווארעמע וואסער כאילו לא היה! עס ארבעט נאך בעסער ווי עס האט געארבעט ביז יעצט! איך פארשטיי נישט וואס דא גייט פאר! אבער מיט א מציאות שלאגט מען זיך נישט. עס גייט דורך א שעה און נאך א שעה און עס ארבעט א מחיה.

בערך 12 אזייגער פארקירט פארענט פון מיין הויז א גרויסער מאשין. עס איז דער פאררעכטער. ער קומט אריין און גייט ארויף אויפ'ן דאך און באקוקט דער בוילער און נאך א מינוט קומט ער אראפ.

"עס איז א טעות! מיר זענען נישט אין די גוטע אדרעס! די בוילער וואס מיר האבן באקוקט ארבעט גוט".

דער מומחה פארשטייט נישט וואס דא גייט פאר.

"עס איז א הימלישער זאך". מורמעלט ער אנטוישט.

אביסל שפעטער האט ער פארלאזט מיין שטוב נישט פארשטייענדיג וואס דא גייט פאר אבער געפלעפט, ער ווינטש מיר א גוטער יאר און מיר צושיידן זיך.

פון דעמאלטס און ווייטער - מען האלט שוין מער ווי חודש שפעטער - ארבעט די בוילער גוט און נאך בעסער ווי עס האט געארבעט פארדעם און אויך די שאדן וואס איך האב געהאט פון די דירה האב איך נישט געשפירט. איך ווייס אליינס נישט ווי אזוי, איך קען עס נישט ערקלערן אבער עס איז א פאקט.

און אלעס איז אין דער זכות פון לויבן השית מעומקא דליבא און גלייבן אז אלעס איז לטובה - אפילו ווען עס האט ממש נישט אויסגעזען אז עס איז אזוי.

## לערן ווייטער - פון הימל וועט מען דיר שוין שיקן

איך הייס חיים דוד, איך וואוין אין די שטאט בית שמש. מיט א דאנק צום גרויסן באשעפער האב איך זוכה געווען פאר יארן לאנג לשבת באהלה של תורה.

דורכאויס די טאג האב איך געלערנט אין כולל און אויך אין די זייטיגע צייטן האב איך געהאט חברותא'ס און ברוך השם אז יעדער רגע אין טאג איז ביי מיר געווען פארנוצט אויף תורה.

אין די ערשטע יארן נאך מיין חתונה איז עס אנגעקומען גרינג. די הוצאות זענען געווען ווייניג און אויך די הכנסות זענען געווען גרעסער און מען האט עס אדורכגעשטופט, אבער מיט די יארן האט מען ברוך השם זוכה געווען צו א שטוב מיט קינדער, די הוצאות זענען געווארן גרעסער און איך האב אנגעהויבן שפירן ביי מיר א שטארקער ענגשאפט.

מיין בני בית ארבעט. זי גייט יעדן טאג ארויס פון שטוב אינדערפרי און גייט א דריי פערטל שעה צופוס ביז ווען זי קומט אן צו די ארבעט. מען האט גערעדט איבער א מעגליכקייט אז זי זאל זיך אונטערנעמען נאך אן ארבעט אבער איך האב בשום אופן נישט מסכים געווען דערצו. זי ארבעט אזוי אויך גענוג שווער און אז איך האב נישט קיין ברירה, וועל איך ארויסגיין ארבעטן.

דער מאכן אזא החלטה איז געווען ממש אן אפקומעניש. איך בין געווען זיכער אז איך וועל כל יָמַי זיצן בהיכלה של תורה און דא אזא זאך, אבער זעענדיג אז די ענגשאפט גייט נישט אוועק האב איך אנגעהויבן זוכן אן ארבעט און מען האט מיר מציע געווען צו ארבעטן מיט ספרים.

אזא ארבעט איז מצד אחד א תורה'דיגע ארבעט. איך וועל ווייטער קענען בלייבן באהלה של תורה און פארדינען זייטיג דערצו א שיינע הכנסה.

אבער איך האב זיך נישט געניארט. עס איז טאקע נישט א גאס ארבעט אבער עס איז אויך נישט לערנען אין א ישיבה. איך האב געהאט ספיקות דערויף, און ווי א איד טוט אין פאל אז ער האט ספיקות האט ער זיי פארגעלייגט פאר א רב און געהערט פון אים דעת תורה.

דער רב האט געענטפערט אזא ענטפער: וויסן זאלסטו אז אפילו אז עס איז אמת אז יעדער דארף האבן פרנסה איז אבער אין הימל דא צוויי באזונדערע קאונטעס. איין קאונטע איז דער 'בן תורה' אקאונט און די צווייטע איז דער 'ארבעטער' אקאונט, יעדער האט זיך זיין וועג וויאזוי די פרנסה קומט אים אן.

"איך זאג דיר", האט דער רב אויסגעפירט, "בלייב לערנען און השי"ת וועט דיר שוין העלפן".

"און וואס איז מיט השתדלות?"

"זיכער דארפסטו מאכן השתדלות. פון היינט און ווייטער זאלסטו ביי יעדער שמונה עשרה אינזינען האבן ביי שומע תפלה אז השי"ת זאל דיר פארגרינגערן די פרנסה".

איך האב געפאלגט מיין רבי. אין די נאכט שעות האב איך ממשיך געווען צו לערנען און ביי שומע תפלה האב איך געדאווענט און געבעטן מעומקא דליבא אז השי"ת זאל מיר העלפן מיט פרנסה, גלייבנדיג אז נאר השי"ת קען מיר העלפן מיט פרנסה.

עס האט נישט געדויערט לאנג און די ישועה איז אנגעקומען. מיין פרוי האט באקומען א נייע דזשאב. די נייע דזשאב איז סיי געווען היבש אסאך מער געלט און אויך היבש גרינגער ווי די פריערדיגע ארבעט, עס איז געווען נענטער צום שטוב און זי האט געדארפט פארפאטשקענען ווייניגער צייט אויף די וועגן.

איך דאווען ווייטער און כ'בין ב"ה זוכה צו זען ווי אזוי השי"ת העלפט ארויס א בן תורה ער זאל קענען ווייטער זיצן און לערנען בהרחבה גדולה, אומגעשטערט.

אין א קליינער צימערל וואס מיר האבן ארויסגעדינגען.

איך האב זיך געלייגט שלאפן ביינאכט און כ'וועק זיך אינדערפרי און גד איז נישא דא.

"גיא גד וואו ביסטו?".

איך האב אים געזוכט ציטערנדיג פאר זיין וואוילזיין. נאכ'ן וואשן נעגל וואסער בין איך ארויס אים צוזוכן און כ'זעה ווי ער גייט אין מקוה.

"וויאזוי גייסטו אליין? האסט נישט קיין מורא".

"דו פארשטייסט נישט, איך זעה, איך האב צוריקבאקומען מיין ראיה".

פשוט אזוי! די תפילות האבן ממשיך געווען פאר אים די אומגלויבליכע ישועה אז פון הימל האט מען אים צוריקגעגעבן די ראיה.

צוליב די שווערע מצב אין וואס ער געפינט זיך יעצט האט מען אים צוגעלייגט דער נאמען חיים, און השי"ת זאל העלפן אז חיים גיא גד בן מזל זאל האבן א רפואה שלימה בקרוב.

## פאררעכטן די ספר תורה

מיט 52 יאר צוריק האט א איד מיט'ן נאמען יעקב אריה בן אליהו הלוי און זיין פרוי דינה בת אליעזר מנדב געווען א ספר תורה צו די גרויסע שול אין די שטאט חיפה.

די פארפאלק איז געווען קינדערלאז און די ספר תורה איז דער איינציגסטער זכרון וואס עס איז געבליבן פון זיי.

במשך די יארן האט מען געליינט אין דעם ספר אבער נאכדעם וואס מען האט געטראפן אין איר אסאך שאלות האט מען עס אוועקגעלייגט אין א זייט און מען לייענט נאר אין איר יעדן ראש חודש.

דער לעצטער שמחת תורה, ווען כלל ישראל פירט זיך אז יעדער איז עולה לתורה, האט מען זיך איינגעטיילט אין גרופעס און צווישן אנדערע האט מען געליינט אויך אין דעם ספר תורה.

די תורה איז געבליבן אויפגעמישט אויף פרשת וזאת הברכה און ווען מען האט זיך געגרייט צו לייענען דעם קומענדיגן מאנטאג אין די תורה האט דער גבאי פון שול אנגעזאגט פאר דער וואס איז געגאנגען פתיחה ער זאל ארויסנעמען די צווייטע ספר ווייל די צווייטע ספר תורה איז אויפגעמישט אויף די וואכענדיגע פרשה אבער דער וואס האט געמאכט פתיחה האט זיך פארטראכט און בטעות האט ער יא ארויסגענומען דער יעניגער ספר.

די הלכה איז אז איינמאל מען האט ארויסגענומען איז ארויסגענומען און מען לייגט עס מער נישט צוריק. קיין אנדערע ברירה האט מען נישט געהאט, מען האט אנגעהויבן מישן און געמישט ביז פרשת נח.

מען איז אריבער גאנץ דברים, גאנץ במדבר, גאנץ ויקרא און גאנץ שמות און ווען מען האט געהאלטן אינמיטן בראשית האט מען פלוצלונג באמערקט א ריזיגער פלעק אויף איינער פון די פסוקים, אזא פלעק וואס פסל'ט די ספר תורה.

איבריג צו זאגן אז מען האט ארויסגענומען דער אנדערע ספר און די ספר האט מען געשיקט צו א סופר ער זאל עס מתקן זיין אבער מען האט דא געזען א מורא'דיגע השגחה פרטית, אז מען האט געמוזט מישן אגאנצער ספר אנצוקומען צו די טעות און עס אנטדעקן.

נאך א וואונדערליכער זאך איז געווען אז די פסול איז געווען ביי די ווערטער 'ויאמר אברם אל השם' און אלעס ארום איז געווען פארפלעקט, אבער דער שם איז געבליבן גאנץ.


## קלינגט אריין אין דער השגחה פרטית האטליניע

### און נאכ'ן אויסוועלן די שפראך דרוקט 0 פאר די קינדער אפטיילונג

### עס לוינט זיך! נאך אביסל הייבט זיך א נייע דראמאטישע געשיכטע אין פארזעצונגען!

# צוהערער פרעגן

שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

## אשרי אדם בוטח בך

אין אונזער פריערדיגער גליון נומער 77 האבן די חשובע משפיעים מאריך געווען ארומצורעדן אין די נושא. מען האט באטאנט אז א בעל אמונה ובטחון זאמלט נישט קיין זאכן פון היינט אויף מארגן און דערביי ציטירט די ווערטער פון דער הייליגער חובת הלבבות כי הבוטח באלקים נפשו במנוחה ולבו שליו מצד הגזירות לדעתו כי הבורא ינהיגן לטובתו בעולמו ואחריתו.

די יעצטיגע צייט איז א שעת נסיון. דער בורא כל העולמים זאגט איך בין ענק מנסה, צי גלייבט איר אז אזוי ווי איך האב אייך געגעבן ביז היינט 3 שקל צו קויפן א פעקל גלעזער וועל איך ענק ווייטער געבן וויפיל עס פעלט זיך אויס פאר ענק.

אבער אנדערע האבן געשריבן אנדערש, און ווייל עס איז אריינגעקומען אסאך תשובות ברענגען מיר דא אראפ די אנדערע תשובות

**און ווי אייביג זענען מיר מדגיש אז ווען עס קומט אויף למעשה דארף זיך יעדער מאכן זיין אייגענער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין מורה הוראה וואס איז זיין דעת תורה.**

### תכין בקיץ לחמה

**הרב ישי שלמה מבנימינה:** דער זוה"ק אין פרשת בשלח זאגט אז א מענטש זאל נישט זאמלען שפייז פון איין טאג אויף די אנדערע און זאל נישט איבערלאזן פון איין טאג אויף די אנדערע.

אין משנה ברורה [סימן קנז סק"ד] ברענגט ער א טעם דערויף, כדי א איד זאל זיין געוואוינט צו בעטן יעדן טאג אויף זיין עסן.

די זעלבע ווערט אויך געברענגט אין מסכת סוטה [מח] אז רבי אליעזר הגדול האט געזאגט אז ווער עס האט פת בסלו און ער פרעגט וואס וועל איך עסן מארגן איז מקטני האמנה. פון דעם זעט מען אז עס איז נישט קיין מעלה אוועקצולייגן, אבער דער גאון רבי חיים פאלאדזשי זצ"ל אין זיין ספר לב חיים [ח"ב סק"נ] ברענגט אראפ די דערמאנטע מקורות און שמועסט אויס אז דאס איז געזאגט געווארן פאר ווער עס לייגט אוועק גרייטע עסן פון היינט אויף מארגן ער זאל האבן וואס צו עסן אבער ווער עס לייגט אוועק וויכטיגע זאכן ער זאל קענען מיט זיי זיך נוצן ווען ער דארף זיי האבן איז נישט דא ביי דעם קיין פראבלעם, און עס קען זיין פארקערט אז עס איז גאר א מעלה ווייל דורכדעם שפארט ער זיך צייט און קען אין די צייט לערנען, און לענינינו קען זיין די זעלבע זאך און ווי שלמה המלך האט שוין געזאגט אין משלי [ו.ח] תכין בקיץ לחמה, אגרה בקציר מאכלה.

**הרב משה שאפער ברענגט אראפ א מעשה רב אין די נושא:** מען דערציילט אז ווען דער גאון רבי אלחנן וואסערמאן זצ"ל האט געלערנט מיט זיין חברותא דער גאון רבי יוסף שלמה כהנמאן זצ"ל האבן זיי זיך גענויטיגט אין א געוויסער ספר און טרעפנדיג אז דער ספר ווערט אראפגעברענגט אסאך אין משנה ברורה האבן זיי געבעטן דער חפץ חיים צי ער קען זיי פארבארגן דעם ספר. צו זייער וואונדער האט דער חפץ חיים זיי געזאגט אז ער האט נישט דער ספר. זעענדיג אז עס איז ביי זיי א וואונדער האט ער זיי געגעבן צו פארשטיין אז ער האט עס געבארגט פון א צווייטן ווייל עס צו קויפן דארף מען האבן געלט און גיין זוכן געלט נעמט צייט און מען קען אין די צייט לערנען, האט ער עס געבארגט. עס קען זיין די זעלבע זאך איז דא אויך דא. אז מען וועט נישט קויפן אויף ביליג וועט מען דארפן זוכן געלט און מבטל זיין תורה, איז בעסער יא צו קויפן און שפארן די צייט פון זוכן געלט.

אין ליכט פון די שטייגענדע פרייזן האבן מיר געזען ווי מענטשן קויפן זיך אן מיט אסאך מער ווי מען קויפט זיך אן נארמאל פון די פראדוקט.

מיין שאלה איז צי איז אזא זאך בגדר חובת ההשתדלות אדער איז א מענטש נישט מחוייב צו טון איבערגעטריבענע זאכן לשם השתדלות?

שאלה נומער 31

ב.כ. רכסים

**הרב משה גאלדבערג מבית שמש, הרב אשר ראבינאוויטש מביתר עילית:** די שאלה איז נישט אנדערש ווי ביזנעס. וואס טוט א ביזנעסמאן? ער קויפט איין אויף ביליג און פארקויפט אויף טייער. דאס איז זיין השתדלות, די זעלבע איז דא אויך, מען קויפט ווען עס איז ביליג און מען האט אויף ווען עס ווערט טייערער.

**הרב מרדכי הכהן מלאכי מביתר עילית:** ווען עס רעדט זיך פון א בן עליה איז נישט דא קיין שאלה. אזא איינער טראכט נישט אויף מארגן אבער ווען עס רעדט זיך פון א פשוט'ער מענטש, דארף ער זיך פירן ווי עס איז דער סדר העולם, און אויב דער סדר העולם איז אז מען קויפט דארף ער איינקויפן. חז"ל אין ביצה [טז] זאגן אז די מזונות פון א מענטש איז באשטימט פון ראש השנה אבער רש"י אויפ'ן ארט לייגט צו אז אפילו אז אלעס איז באשטימט זאל מען זיך אפהיטן פון מאכן א **יציאה מרובה** דהיינו אז אפילו אז אלעס ווערט אנגעשריבן ראש השנה זאל מען נישט אויסגעבן סתם געלט, אבער אז מען קויפט זאל מען קויפן מיט א ריכטיגע בליק, מיט בטחון און ווי א איד וואס טוט השתדלות.

**אבער הרב מנחם גאלדבערג מבני ברק לערנט אפ די רש"י פארקערט:** ער זאגט אז א יציאה מרובה איז ווען מען קויפט איין אסאך אויפאיינמאל, און עס קען זיין אז אזא סארט יציאה קומט אויפ'ן חשבון פון אנדערע זאכן וואס ער דארף קויפן.

### בלבד שיכוון לבו לשמים

**הרב שמואל נתן מירושלים, הרב אברהם שלמה ווייס מביתר עילית, הרב דוב קויפמאן ממודיעין עילית:** דער כלל ביי אזעלכע זאכן איז אז יעדער איינער איז אנדערש, עס ווענדט זיך ווי גרויס איז דער מידה פון בטחון ביי יעדן איד! ווער עס איז שטארק אין די מידה פון בטחון וועט נישט איינקויפן אין אזא צייט אבער ווער עס האלט נאכנישט דארט, זאל יא קויפן. מען דארף וויסן אז עס איז בעסער אז מען זאל יא קויפן ווי נישט קויפן און שפעטער האבן ספיקות און הארץ עסעניש אז מען האט נישט געקויפט, און ווי עס ווערט געברענגט אין ספר מכתב מאליהו [ח"א מאמר בטחון והשתדלות] אז אויב השי"ת וועט אים אויספראבירן און ער וועט אים נישט געבן די פרנסה דורך די ווייניג השתדלות וואס ער מאכט וועט ער נישט עומד זיין אין די נסיון און באווייגען די ביסל השתדלות וואס ער האט געמאכט און פארלירן וועגן דעם די אמונה וואס ער האט יא.

**הרב יחזקאל מארדער מירושלים:** דער כלל ביי דעם איז ווי ביי אלע סארט השתדלות. אז מען טוט עס מיט בטחון בהשם און מען גלייבט אז מען טוט עס מיט השתדלות און נישט ווייל עס וועט העלפן איז עס ריכטיג און אויסגעהאלטן און דער כלל איז אז די בטחון אליין איז ממשיך די ישועה, נישט די השתדלות.

## שאלה פאר דער גליון 81

עס איז ביי אונז אן איינגעווארצעלטער זאך אז ביי שידוכים איז אלעס פון הימל! מען זאגט אלעמאל נאך די ווערטער פון חז"ל אז פערציג טעג איידער דער מענטש קומט אראפ צו די וועלט רופט מען אויס אין הימל אז בן זוג פלוני לבת פלוני און פאר יעדן באשעפעניש אויף די וועלט איז דא זיין באשערטע. דאגעגן טרעפן מיר אבער אז א שידוך שטופט מען נישט אפ און מען מעג מאכן א שידוך אפילו אין תשעה באב, און דער טעם איז 'שמא יקדמנו אחר'. וויאזוי קענען דיביידע זאכן גייען צוזאמען?

א.א. בית שמש


**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת וארא. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**


# א פינטעלע ליכטיגקייט

אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א

# 'לעבן' די אמונה

פארוואס לערנט א איד איבער אמונה און בטחון? די מטרה איז אז דורכדעם זאל ער אנקומען צו לעבן א לעבן פון אמונה מיט בטחון.

דורך די לימודים שטרעבט מען אז דער גאנצער לעבן אין וואס מען לעבט אויף די וועלט זאל זיין איין לאנגער קייט פון אמונה און בטחון. עס איז אזוי אין עניני השתדלות פון פרנסה, אבער עס איז אויך אזוי אין יעדער זאך אין די וועלט.

ביי פרנסה איז קלאר אז דער שליסל פון פרנסה ליגט אין די הענט פון השי"ת! אן אים איז אוממעגליך מצליח צו זיין און וועגן דעם איז וויכטיג אז אויך די השתדלות וואס מיר מאכן זאל זיין לכתחילה'דיג אויסגעהאלטן, אויף דער העכסטער כשרות סטאנדארט וואס עס איז נאר שייך און הלכה'דיג.

ווען מען שליסט א שידוך איז איינער פון די תנאים אין דער שטר התנאים אז מען וועט מודיע זיין פאר די בני בית יעדער טריט און שריט וואס מען טוט פאר פרנסה. עס שטייט אין איר די פאלגענדע ווערטער: אל יבריחו ואל יעלימו לא זו מזה ולא זה מזו, אז אלעס וועט מען מודיע זיין און מיטטיילן און גארנישט וועט מען נישט טון אליין!

א איד האט מיר אמאל דערציילט אז א געוויסער גדול מישראל האט אנגעזאגט פאר זיין קינד אז יעדער געשעפט וואס ער מאכט נאך די חתונה זאל ער מיטטיילן מיט זיין בני בית. דער איד האט געפאלגט און אלעס מיטגעטיילט מיט זיין בני בית.

אמאל האט ער געמאכט אן אויסנאם. עס האט זיך געהאנדלט פון א געשעפט וואס איז געווען נוגע צו די מוסדות און ער האט זיך איינגערעדט אז דאס איז אן אויסנאם פאל. ענדע האט ער אלעס דערלייגט, ער האט באדויערט פארוואס ער האט איר נישט געפאלגט, אויך ביי דעם פאל.

מיט א שטיק צייט צוריק האב איך געהאנדלט מיט א איד וואס טוט אין בויעריי. דער איד האט זיך באקלאגט אז ער פארדינט נישט קיין געלט און נישט נאר פארדינט ער נישט קיין געלט, ער איז א ריזיגער בעל חוב און די חובות וואקסן אן אויפהער.

מיר זענען געזעסן אויף זיינע ביכער און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער איד פארדינט בכלל נישט. ער לייגט פון איין טאש צו די אנדערע, עס בלייבט נישט איבער ביי אים קיין איין שקל ריוח.

איך האב אים גע'עצה'ט אז פון היינט און ווייטער זאל ער דורכרעדן יעדער געשעפט מיט זיין בני בית. דער איד האט מיר געפאלגט און עס איז אים ליכטיג געווארן פאר די אויגן. ער האט אנגעהויבן באמערקן אסאך זאכן וואס ער האט פארזען און ברוך השם אז ער פארדינט שוין היינט שיינע רווחים.

די שיעורים פון הרב שנעעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 2 < 3 [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

## מצד די באזוכער

דא רעדט חיים! איך וויל דא איבערגעבן מיין פערזענליכע הכרת הטוב פאר ענק. איך זאג עס אין אייןווארט: יישר כחכם! אדאנק אייערע פעולות איז מיין לעבן פול מיט שמחה און אמונה! פאר פרנסה בין איך עוסק אין א געוויסער פאך אבער כ'פארדין נישט פון דעם קיין סאך. איך בין אריין אין דער פאך אין דער זעלבער צייט וואס מיין חבר איז אריין אין דעם און ער איז זייער שיין מצליח אין זיין ארבעט. ווען נישט דער האטליניע און די גליונות וואלט איך געווארן צובראכן פון מיין מצב, אבער אז כ'האב עס בין איך צופרידן און כ'שטארק זיך מיט די אמונה אויף אזוי ווייט אז כ'בין אפילו פרייליך מיט די הצלחה פון מיין חבר, אפילו איך בין נישט אזוי מצליח ווי אים.

## מצד די געבער

פאר צען חדשים צוריק האב איך תורם געווען 180 שקל פאר צדקה אז מען זאל מיט די געלט אויסטיילן אין צען שולן די גליונות לזכות אז מיין זון זאל געהאלפן ווערן מיט קינדער. איך האב געבעטן אז מען זאל יעדן ערב ראש חודש מזכיר זיין דער נאמען ביים ציון פון דער בעל חובת הלבבות און ברוך השם אז היינט - צען חדשים שפעטער - איז דא א מזל טוב און כ'קען בעטן אז מען זאל טוישן די בקשה פון א ישועה אויף קינדער צו נחת פון די קינדער.

יהודה פון די שטאט בני ברק


נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק

צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

רוף יעצט אריין: 02.6313.742

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |



ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט

קלינגט אריין אין אפיס

02-5866-075

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל, שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש


דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה